ידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע—זעה זייט 10) היינט 12 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 66 | Łódź, Niedziela, 18 marca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, ב׳ ניסן תרצ״ד | № 66 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# געשלאסען די פארלאמענטארישע סעסיע

## לויט א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט

וו א ר ש א, 17 (טעלעפאניש).

פרייטאג 11 פריה איז געקומען אין סיים דער שעף פון יורידישען ביורא ביים מיניסטעריען ראט פאטשאסקי, וועלכער האט געבראכט מיט זיך דעם דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט וועגען שלוס פון דער פארלאמענטארישער סעסיע (סיים און סענאט).

דירעקטאר פאטשאסקי האט אוועקגעטראגען דעם דעקרעט אין קאנצעלאריע פון סיים-מארשאלעק, וואו ס׳האט שוין אפגעווארט דער מארשאלעק שווינטאלסקי. פון דא איז דירעקטאר פאטשאסקי אוועק צום מארשאלעק פון סענאט ראטשקעוויטש, וועלכער האט אויך געווארט אויפ׳ן דעקרעט. דער סיים און סענאט וועלען דעריבער שוין מעהר זיך נישט צוזאמענקומען.

אויב עס וועט נישט גערופען ווערען א ספעציעלע זומער-סעסיע אויף צו ערלעדיגען די אויספעסטערונגען צו דער קאנסטיטוציע, מיט וועלכע דער סענאט גרייט זיך צו קומען — וועט פאקטיש די נייע קאנסטיטוציע ערשט קומען אויפ׳ן טאג-ארדנונג אין 9—10 חדשים ארום, צום סוף פון דער קומענדיגער בודושעט-סעסיע.

## רעדע פון ד״ר שאכט

### האט געבראכט צום פאלען פון די דייטשע ווערט-פאפירען

ב ע ר ל י ן, 17 (ספ. טעל.)

ד״ר שאכט האט אין דער דייטש-אמעריקא-נער האנדעלס-קאמער געהאלטען א גרויסע רעדע וועגען דער ווירטשאפטליכער לאגע פון דייטשלאנד.

ל א נ ד א ן, 17 (ספ. טעל.)

שאכטס רעדע, אין וועלכען ס׳איז געזאגט געווארען, אז די דעקונג אין דער רייכסבאנק בע-טרעפט קוים 8 פראצענט און אויך די ידיעות וועגען פאסיווען האנדעלס-בילאנס פון דייטשלאנד, האט געברענגט צום געוואלדיגען פאלען פון בייטע דייטשע הלוואות.

## א שחיטה אין קאשגאר

### 2000 מענשען אומגעקומען

מ א ס ק ו ו ע, 17 (ספ. טעל.)

לויט מיטטיילונגען פון טאשקענט, איז די שטאט קאשגאר, הויפטשטאט פון כינעזישען טור-קעסטאן) פארנומען געווארען דורך א בעוואפענטן דונגאנען-שבט, וועלכע האבען איינגעארדענט א שחיטה און אומגעברענגט 2000 מאן.

## 1350 ארבייטער-סערטיפיקאטען

### „אגענץ" בעקומען פון דער רעגירונג

י ר ו ש ל י ם, 17 (יט״א טעלעגראפיש)

אויפן חשבון פון דער סערטיפיקאטען קוואטע אפריל—אקטאבער, וועלכע איז נאך ביז איצט נישט פעסטגעשטעלט געווארען, האט די „אגענץ" בע-קומען פון דער רעגירונג 1350 ארבייטער-סער-טיפיקאטען.

## שטורמיסטען בעפאלען דעם יוד. יוגענד-קלוב

ב ע ר ל י ן, 17 (יט״א טעלעגראפיש)

מונדירטע שטורמיסטען האבען געמאכט א רעוויזיע אין יודישען יוגענד-קלוב און געשלאגען די אנוועזענדע. קיינער איז נישט ארעסטירט גע-ווארען.

## צענטראל-קאמיטעט פון דער עסטרייכישער ס. ד.

### געפינט זיך אין ברין

ו ו י ע ן, 17 (ספ. טעל.)

די מאכט האט ביז איצט קאנפיסקירט ביים שוץ-בונד 300 קוילענווארפערס 44500 האנד-גראנאטן? מיקסען און 2184000 קוילען.

דער צענטראל-קאמיטעט פון דער עסטרייי-כישער ס. ד. פארטיי האט זיך בעזעצט אין ברין (טשעכיען).

# דירה-געלד 10 פראצענט ביליגער

## די פעראָרדנונג זאל שוין חל זיין פון 1 אפריל

וו א ר ש א, 17 (טעלעפאניש).

עס בעווייזען זיך פערשידענע ידיעות, אז די רעגירונג זאל אפיציעל פעראָרדענען „ביליגער" צו מאכען דירה-געלד מיט 10 פראצענט.

דאס ביליגער מאכען דירה-געלד זאל פאר-קומען אויפ׳ן גרונד פון א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט. דאס ביליגע דירה-געלד זאל שוין חל זיין פון 1-טען אפריל.

## די יאפאניש-סאוויעטישע בעציהונגען האבען זיך פערשארפט

ט א ק י א, 17 (ספ. טעל.)

פון וולאדיוואסטאק מעלדעט מען, אז א יאפאנישע מאטאר-שיפעל איז פערנומען געווארען דורך א סאוויעטישער טארפעדא-שיף. די דריי יא-פאנער, וועלכע האבען זיך געפינען אויפ׳ן שיפעל זענען ארײנגעזעצט געווארען אין טורמע.

די סאוויעטישע מאכט מאטיווירט איהר האנדלונג דערמיט, אז די מאנשאפט פון דער יא-פאנישער מאטאר-שיף האט געוואלט פאטאגראפירען די איינריכטונגען פון וולאדיוואסטאקער פארט מיט שפיאנאזש-צוועקען.

די דאזיגע ידיעה האט אין טאקיא ארויס-גערופען א געוואלדיגע אויפרעגונג. אין צוזאמענ-האנג דערמיט, האט די יאפאנישע הויפט-קאמאנדא אויף קארעע ארויסגעגעבען א בעפעהל צו שיסען צו אלע סאוויעטישע עראפלאנען, וועלכע וועלען אדורכפליהען איבער קארעע.

# אונטערגעשריבען דריי אפמאכען

## צווישען איטאליען, אונגארן און עסטרייך

ר וי ם, 17 (ספ. טעל.)

היינט 6 א זייגער איז געקומען צו א פולשטענ-דיגען הסכם איך די אונטערהאנדלונגען, וועלכע זע-נען דייטשליכע טעג געפיהרט געווארען צווישען מוסאליני, געמבעש׳ן און דאלפוסן. ס׳זענען אונ-טערגעשריבען 3 פראטאקאלען: א פאליטישער, ווירטשאפטליכער און א פראטאקאל וועגען דער-האלטען די אומאפהענגיגקייט פון עסטרייך.

אין ערשטען פראטאקאל ווערט אונטערגע-שטראכען די שלום-שטרעבונגען פון די דריי מלוכות און אלע דריי פערפליכטען זיך ביי יעדער שטרייט-פראגע זיך צונויפצוקומען און זיך בעראטען.

דער ווירטשאפטליכער פראטאקאל פערפליכ-טעט צו שליסען ווירטשאפטליכע אפמאכען, אין דריטען פראטאקאל ווערט גאראנטירט די אומאפ-הענגיגקייט פון עסטרייך.

## די פליטים פון דייטשלאנד — פוילישע בירגער

### וועלען ארויסגעשיקט ווערען פון פראנקרייך

פ א ר י ז, 17 (ספ. טעל.)

„זשורנאל" מעלדעט, אז שוין אין די נאָ-הענטסטע טעג זאל פערעפענטליכט ווערען א פער-ארדנונג פון אויסערן-מיניסטעריום, לויט וועלכען עס זאלען ארויסגעשיקט ווערען פון פוילען אלע עמיגראנטען פון דייטשלאנד, וועלכע האבען די פוי-לישע בירגערשאפט. די דאזיגע עמיגראנטען וועלען בעקומען פעסער און וויזעס, וועלכע גיט זיי דאס רעכט צוריקצוקעהרען קיין פוילען.

די פעראָרדנונג וועט נישט גילטיג זיין, באר די עמיגראנטען, פוילישע בירגער, וועלכע ווערען פער-פאלגט דורך דער פוילישער מאכט פאר פאליטישע פערברעכענס, אדער פאר אויסבאהאלטען זיך פון מיליטער-דינסט. די צייטונג בערעכענט, אז די דא-זיגע פעראָרדנונג וועט טרעפען 10 טויזענד יודישע פליטים פון דייטשלאנד, וועלכע זענען נאך דער היטלעריסטישער איבערקעהרעניש אנטלאפען קיין פראנקרייך.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער הייסגעליבטער מאן, פאטער און זוהן

ב״ע

יעקב זאב מאגאזאניק

(ב״ר אליעזר ז״ל)

אין עלטער פון 48 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, ד. 18 מערץ 1934, 12 פארמיטאג פון טרויער-הויז שרודמיעסקא 18, וועגען וואס ס׳טיילט מיט די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זוהן, מוטער און פאמיליע.

רוזיגער ערפאלג!!!

פון

אורקע נאכאלניקס

„גנבהשער יושר"

אין

קאמעראל-טעאטער

אלעע 1-טער מאי 2

פרטים זעה זייט 9

